Historical Jewish Press (JPress) of the NLI & TAU

ערטסוורָאפ, 15.04.1927, page 5

# אַן אַמעריקאַנער שטעטעל וואו דער בוטשער איז אַ „קצב“ און אַ שטעטעל וואָס ציטערט פאַר פרעמדע אידען

(שלום פון עדיטאָריעל פיידזש)

מיט די שטערען האָבען שטיל פון אויבען ארונטערגעקוקט. און אַלעס ארום איז געשטאַנען מיט אַ פאַרכאַפּטען אָטעם און מיט שטילער עהרפורכט זיך צוגעהערט צום רויש פונ'ם פאַלענדען טייך, וואָס האָט אפילו אויף איין רגע ניט אויפגעהערט, נאָר איז הילכיג געפאַלען און געפאַלען אין דער שטילקייט פון דער נאַכט.

אַ שפּאָר פון אַלטע, גאַנץ אַלטע צייטען האָט אין מיר אויפגעטויכט און איך האָב אין זיך גענומען שפּירען דעם דראַנג פונ'ם פאַרצייטיגען מענשען, ווען ער איז אויף די נאַקעטע קניה געשטאַנען און געמורמעלט אַ געבעט צום גאָט פון פאַלענדען וואַסער...

## בענינגטאָן, ווערמאָנט

ס'האַריץ האָט מיר ניט געלאָזען. איך געפין זיך אָבער אַזוי נאָהענט צו אַ אידיש שטעדטעל, היינט ווי פאָהרט מען ניט אַריין? אמת טאַקע ס'איז אַן אַנדער סטייט. טאָ וואָס זשע איז? אָבער די אידען זיינען דאָך די זעלבע!

נו בין איך טאַקע אַהין צוגעפאָהרען און האָב געפונען אַ שעהנע גרויסע שטאָדט מיט 10 טויזענד איינוואוינער און מיט אַ צוואַנציג אידישע פאַמיליען.

און האָבען האָט דאָס שטעדטעל דאָס גאַנצע קלאַפּערגעצייג, אין וואָס אַ אידישע קהלה נויטיגט זיך. און טאָמער ווילט איהר, האָט דאָס שטעדטעל גאַנצע דריי שוחטים. אָבער שרעקט אייך ניט. ניט אַלע שעכטען. צוויי זיינען שוין, ווי מען פלעגט אַמאָל זאָגען אין דער היים, אויף „טשיסטע אָטסטאַווקע“. איינער איז אין דריי־גודס ביזנעס, וואָס, ווי ער גיט מיר איבער, ער וואָלט געמאַכט ניט שלעכט, ווען ער האַלט אָפּען שבת... און דער צווייטער, וואָס שעכט אויך ניט, ציינט מיר אָן אויף עטליכע בלאָק הייזער, אַז דאָס איז אַלץ זיינס און ער זאָגט מיר אַליין, אַז עס האַלט שוין ביי די צוויי הונדערט טויזענטער און ער נעמט אַרויס פון אַ ספר ערגעץ אַ געל פּאַפּיר און ער ווייזט מיר זיין קבלה און ער ווייזט מיר נאָך אַ כתב, וואו ער ווערט אָנגערופען „הרב הגדול“.

האָב איך שוין פאַר דעם אידען גרויס דרך ארץ באַקומען. ניט אַזוי פאַר די כתבים, ווי פאַר די צוויי הונדערט טויזענטער...

דעם אמת'ן שוחט האָב איך ניט געטראָפען. ניט געווען אין שטעדטעל. האָב איך זיך געמוזט באַגעהן אָהן איהם. שוין אַזוי אויך צו פיל מיט שוחטים אין מיינע קאָרעספּאָנדענציעס...

האָב איך געזוכט באַלעבאַטים. האָבען זיי אָבער ניט געוואָלט רעדען — ניט פון אָרט. זיי האָבען ניט געקענט פאַרדייען אַזאַ זאַך, נאָר זיי האָבען מיך אַלץ חושד געווען, אַז עפּעס באַהאַלט איך פון זיי און איך וואַרט נאָר אויף אַ געלעגענהייט זיי אַריינצוקריגען אין מיין נעץ... געמיינט האָבען זיי אַלץ, אַז אין מיר ליגט באַהאַלטען אַ משולח, און פריהער אָדער שפּעטער, וועט ער פון מיר אַרויסשפּרינגען און וועט אָנשטעלען די האַנט און וועט זאָגען — גיט געלט, אידעלאַך!

איך האָב אָבער ביסלאַכווייז, ביסלאַכווייז דאָך געקראָגען דעם צוטרויען און דוקא פון פרעזידענט גופא. און ער האָט פאַר מיר אויסגעגאָסען זיין ביטער האַריץ, אַז, זאָל מען ניט זינדיגען מיט די רייד, מ'האַלט אין איין קומען און „געבערס“ זיינען פאַראַן גאָר ווינציג... פאַלט די לאַסט שטענדיג אויף די איינִיגע, וואָס גיבען אימער. נו, גראַמבעלט מען, היט מען זיך, מען זאָל ניט אַריינפאַלען...

ווייטער: אַלע אידען זיינען דאָ גוט אָפּ, מ'קען זאָגען רייך. אַ סימן? אָט איז דאָך יענער געוועזענער שוחט.

און פרום זיינען דאָ די אידען: זעהר פרום. און מען האָט אַ שוהל צום דאַווענען, פאַרשטעהט זיך. און שבת, ווער עס קען זיך אָפּרייסען פון סטאָר, לויפט אין שוהל אַריין.

דערצעהלט מען מיר ווייטער, אַז מען האָט דאָ אַמאָל אַראָפּגעבראַכט אַ שטיקעל מאָדערנעם שוחט מיט ענגליש, האָט ער שבת געדאַווענט ראש חודש בענשען, האָט ער געזאָגט אפשר צוואַנציג מאָל „חיים, חיים“ און האָט עס אַלעמאָל איבערגע'חזר'ט, חיים אַהער, און חיים אַהין, חיים פון פאָרענט, און חיים פון הינטען. און דאָ שטעהט דער עולם ווי אויף הייסע קויהלען, מען האָט קיין צייט ניט! מ'האָט איבערגעלאָזען די סטאָרס אויף פרעמדע הענט! און דאַ שטעהט ער גאָר און „חיים'ט“! האָט מען איהם איבערגעלאָזען אין מיטען די „חיים'ס“ און מ'איז זיך צעלאָפען. איז פון דאַן אָן האָט ער שוין געוואוסט, אַז „נאָ מאָר“ טייטשמעריש. איין מאָל חיים און אַ סוף זאָל דאָס נעמען!

שפּאַצירענדיג אויף דער ברייטער, שעהנער גאַס, האָב איך דערזעהן אויף אַ סטאָר אַ אידישען נאָמען. גלוסט זיך מיר אַריינגעהן, פאַרציהען אַ שטיקעל געשפּרעך. קום איך טריין און דערזעה פאַר זיך אַ קליין, דאַר מענשעלע. פרעג איך איהם אין אַ זעהר פריינדליבען טאָן: זייט איהר מיסטער . . . ?

— ניין, דאָס בין ניט איך — זאָגט ער.

— איהר מוזט עס שפּאַסען — זאָג איך.

זאָגט דער איד שוין מיט כעס:

— אַז איך זאָג איהם, אַז איך בין ניט, זאָגט ער דוקא אַז איך בין יע!

פאַרליר איך זיך ניט, און הויב איהם אָן באַרוהיגען, און פרעג ווייטער:

— קענט איהר מיר ניט זאָגען, וואו דער מיסטער . . . איז?

— געהט זוכט איהם! — ענטפערט ער מיר בייז און לאָזט מיך שטעהן און אַנטלויפט.

האָב איך עס דערנאָך דערצעהלט פאַר איינִיגע אידען. זאָגען די אידען:

— אָט דער אָ? ער איז דאָך אָנגעשטאָפּט ווי קרח! און גיט קיינמאָל ניט אַ פּעני צדקה! ער האָט אודאי געמיינט, אַז איהר זיינט געקומען נאָך עפּעס אַ נדבה, דערפאַר האָט ער געזאָגט, אַז ע ר איז ניט ע ר, אָבער דאָס איז געווען ע ר.